## ביי מיר האָט דאָס פּאַסירט

# די סגולה ארבעט!

***לכבוד המערכת החשובה.***

אזוי ווי מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו זען א גרויסע ישועה, און מיר לויבן און דאנקען דעם אייבערשטן כרחמיו וכרוב חסדיו, ווילן מיר זיין א בחינה פון "ובתוך רבים אהללנו", ומיגו דזכי לדידי זכי נמי לחברי', צו זיין מזכה את הרבים אויך.

עס איז לעצטנס נתפרסם געווארן א סגולה בשם הגה"צ המקובל ר' דניאל פריש זצ"ל, מחבר ספר "מתוק מדבש" אויף ספר הזוהר, וואס ברענגט פון פריערדיגע מקורות א סגולה בדוק ומנוסה לכל מיני ישועות והשפעות טובות, פרנסה ונחת, ובפרט בעניני שידוכים.

די סגולה איז צו זאגן קאפיטל י"ג אין תהלים דרייצן מאל יעדן טאג, דרייצן טעג ברצופות. מ'הייבט עס אן י"ג לחודש. און ער האט צוגעלייגט, אז ס'איז דא מענטשן וואס טוען די סגולה אז 13 מענטשן זאלן דאס טון לטובת הענין.

דעריבער האב איך געקלערט דאס מפרסם צו זיין, שטייענדיג יעצט חודש אלול, ווען כלל ישראל איז מרבה באמירת תהילים, און מיר שטייען יעצט אין די טעג בעפאר י"ג אלול, וואס געפאלט אויס קומענדיגן מיטוואך פרשת כי תבא, איז יעצט א זמן וואס מ'קען דאס מסדר זיין, און אפשמועסן מיט אנדערע מענטשן צו טון די סגולה מקובלת.

ווי געזאגט, דרייצן מאל זאגט מען יעדן טאג קאפיטל י"ג, במשך דרייצן טעג אין א צי, דאס הייסט פון י"ג ביז כ"ו אלול, ג' סליחות הבעל"ט.

מעשה שהי', מיר האבן ארויסגעקוקט צו טון א שידוך מיט אונזער חשוב'ן זון, און אז די צייט האט זיך פארצויגן האבן מיר מרבה געווען בתפילה ותחנונים, און געזוכט צו מעורר זיין זכותים פון צדיקים, און אנדערע פעולות לטובה, ווי אויך סגולות מקובלות פון צדיקים, וואס העלפן ארויס פאר שידוכים.

ווען מיר האבן געהערט פון די סגולה, האבן מיר זיך גענומען דערצו, י"ג חשון תשפ"ה האבן מיר אנגעהויבן צו זאגן, איינע פון מיינע טעכטער האט זיכער געמאכט זי האט יעדן טאג געקאלט די 13 מענטשן, צו מאכן זיכער אז מ'זאגט עס, און קיינער פארגעסט נישט.

ווי פארשטענדליך אין 13 טעג איז אריינגערעכנט צוויי שבתים וואס מ'קען נישט קאלן דערמאנען, אבער מ'האט געטון פעולות צו פארזיכערן אז יעדער זאל געדענקען צו זאגן.

אונזער חבריא האט אריינגענומען מיך, מיין ב"ב תחי', מיינע קינדער, און אויך די אייניקלעך, דער יונגסטער איז געווען זעקס יאר אלט, א יונגעלע וואס ער האט דעמאלט שוין געלערנט עברי, און ער האט שוין געזאגט זייער שיין תהלים.

דער עיקר איז געווען אז מיר האבן אלע געהאט אמונה און בטחון, מיר האבן דאס געזאגט מיט אן אמת, און אויך די יונגע קינדערלעך מיט זייער ריינקייט און ערליכע תמימות האבן געזאגט די תהלים, שפירנדיג א זכי' צו זיין א חלק דערפון, זיי האבן באמת געגלייבט אז ס'קען געשען און עס וועט געשען.

מה נאמר ומה נדבר, אינמיטן די טעג וואס מ'האט געזאגט תהילים - אויפן זעקסטן טאג האט מען אנגעטראגן דעם שידוך - עס האט זיך צוביסלעך גערוקט, און גענוי אויפן דרייצנטן טאג כ"ה חשון איז דער שידוך געשלאסן געווארן למז"ט בשטומ"צ.

כ'וועל אפילו צולייגן פאר א זייטיג ווערטל, ווען מיר האבן געהאלטןביים גיין צום לעצטן 'בעשוי', איז געווען א זונטאג נאכמיטאג, און מ'האט אפגעשמועסט אז מ'קומט צוריק א האלבע שעה שפעטער צום 'לחיים'. האב איך ארומגערופן די 13 מענטשן, און זיכער געמאכט מיט יעדן צי מ'האט שוין היינט געענדיגט זאגן די קאפיטלעך תהלים.

האט זיך ארויסגעשטעלט אז איינע פון די יונגע אייניקלעך האט געהאט פארגעסן יענעם טאג צו זאגן תהלים צופרי, האט זי געזאגט הערשט נאכמיטאג ווען זי איז אהיימגעקומען פון סקול, און ממש פינף מינוט נאכדעם וואס זי האט געענדיגט זאגן די קאפיטלעך, איז געווען דער 'לחיים'.

אזוי אז די סגולה האט געארבעט אויפן טאג, און אויפן שעה, און אויפן מינוט.

נאך א חלק צו די מעשה.

ווען מ'האט אנגעטראגן די שידוך, האב איך געהאט איינע פון מיינע אייניקלעך וואס איז היינט 12 יאר אלט, וואס האט פרובירט אליין צו טון פעולות אין זכות פון מיין זון, איר פעטער. זי האט געלערנט שמירת הלשון אויף אידיש, יעדן טאג א שטיקל פונעם ספר, לזכותו פון מיין זון.

זי האט אלעמאל פרובירט אז עס זאל זיין פערציג טעג ברציפות, אבער ס'האט זיך נישט אויסגעארבעט. דא האט זי פארגעסן, דארט האט זי פארגעסן.

ווען זי האט נאכאמאל אנגעהויבן, און עס איז איר געלונגען דורכצוגיין די 40 טעג און זי איז נישט דורכגעפאלן קיינמאל, גענוי אויף די פערציגסטע טאג וואס זי האט געלערנט שמירת הלשון, יעדן טאג דעם שיעור, יענעם טאג האט מען אנגעטראגן די שידוך!...

היות מיר טוען יעצט צוריק מחדש זיין דעם באַרימטן "ביי מיר האָט דאָס פּאַסירט" קאָלום, בעטן מיר דעם חשוב'ן ציבור זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט'ן אַריינשיקן סיי וועלכן עפּיזאָד וואָס איר קלערט אַז ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם קאָלום, בפרט עפּעס וואָס האָט אין זיך א גוטן מוסר השכל אָדער השגחה פרטית אד"ג. וזכות הרבים תלוי בכם.
**איבערצוגעבן עפּיזאָדן און קאָמענטאַרן ביטע רופט: 845-783-0735**

ע"כ בין איך מודיע די סגולה פארן ציבור, בשבח והודאה צו השי"ת על כל הטוב והחסד אשר גמלנו, און עס איז יעצט א הערליכע געלעגנהייט פארן יעדן איינעם זיך מיטצוכאפן מיטן באן, און זוכה זיין צו גרויסע רפואות וישועות.

*ש.י.ג.*
*וויליאמסבורג*

# נפשי לה' משומרים לבקר

לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע הי"ו

במשך די לעצטע וואכן וואס איך האלט מיט דא אין דעם קאלום די סיפורי השגחה פרטית וואס קומען אויף כסדר, אידן דערציילן וויאזוי זיי זעען דעם רבש"ע כסדר כסדר, וואו מ'גייט און וואו מ'שטייט זעט מען דעם אפענעם יד ה'.

אין די ערשטע רגע האב איך געטראכט "וויאזוי ארבעט דאס? ווער איז זוכה צו זען השגחה פרטית און ווער נישט?".

האב איך געקלערט נאכדעם "יעדער קען זוכה זיין צו זען, מען דארף נאר 'קוקן'... לאמיר פרובירן צו קוקן און צו זען וויאזוי זאכן שטעלן זיך אויס אז מ'זאל באמת קענען מקיים זיין דעם 'ויתבוננו חסדי ה'".

במשך די לעצטע צוויי דריי וואכן האב איך געזען וואונדערליכע זאכן, אבער איך וועל אייך פארציילן ממש דאס לעצטע וואס איך האב געהאט.

איך בין דא איבער'ן זומער איינגעשטעלט אין איינע פון די חסיד'ישע יונגל קעמפס אלס סגן מנהל צום מנהל רוחני.

מטבע הדברים פרוביר איך צו ערפילן מיט אחריות אלע זייטיגע זאכן וואס איז שווער פאר'ן מנהל אנצוקומען במשך זיין פארנומענעם סדר היום, פארשידענע עסקנות, זאכן וואס פעלט אויס צו טון, צוצוהעלפן, זאכן וואס מ'דארף נישט ממש דעם חוות דעת פון מנהל, נאר מער צוויי געשיקטע הענט. דאס איז מער וויניגער די זאכן מיט וואס איך בין פארנומען איבער'ן טאג.

ביי אונז אין קעמפ איז ווי פארשטענדליך דא השגחה 24 שעה, און אוודאי אין די נאכט שעות איז א גאנצע נאכט דא א 'נאכט-וועכטער' וואס דרייט זיך ארום, און ווי פארשטענדליך האט ער אויך פארשידענע פליכטן זיך אומצוקוקן בפרטיות ובכלליות, וואס איז זייער א וויכטיגע זאך.

זעענדיג דאס נחיצות און פארשטייענדיג אז ס'איז שווער פאר איין נאכט-וועכטער צו זיין עומד על המשמר זיבן נעכט א וואך, און כדי ער זאל וועלן און קענען טון בשלימות די ארבעט, האט מען איינגעשטעלט א סדר אז מ'האט אויפגענומען צוויי נאכט-וועכטערס. איינער איז זונטאג, דינסטאג, דאנערשטאג, און מוצאי שבת. דער צווייטער איז מאנטאג, מיטוואך, און פרייטאג צונאכטס. אזוי איז דאס איינגעטיילט לכתחלה, און כמובן אז עס קען זיך מאכן שינויים.

מיט עטליכע טעג צוריק קומט צו צו מיר איינער פון די חשוב'ע איינגעשטעלטע אין קעמפ, און ער זאגט מיר אז ס'האט זיך געמאכט א סיבה אז ער מוז אריינפארן צו א וויכטיגע אפוינטמענט אין שטאט באלד אינדערפרי, און ער מוז דאווענען ותיקין. פרעגט ער מיר צי איך ווייס פון עמיצער אין אונזער קעמפ וואס פארט ארויס צו א דערנעבנדיגע קאנטרי דאווענען 'ותיקין'.

זאג איך אים "אוודאי, אונזערע נאכט וועכטער, ווען זיי ענדיגן זייער ארבעט אין די פארטאגס שעות, פארן זיי צו א געוויסע דערנעבנדיגע קאנטרי וואו ס'איז דא א מנין ותיקין".

און איך זאג אים "מארגן אינדערפרי איז די רייע פון ר' ראובן, די נאכט איז ר' ראובן דער נאכט-וועכטער, און איך גיי אים שוין רופן אויפ'ן טעלעפאן פרעגן צי ער קען אייך מיטנעמען מארגן צום דאווענען".

איך קלינג באלד אריין ר' ראובן, און ער זאגט מיר, "אנטשולדיגט, די קומענדיגע נאכט בין איך נישט נאכט-וועכטער, ס'איז די נאכט פון ר' שמעון".

איך האב זיך אנטשולדיגט, און איך רוף אן ר' שמעון, און איך פרעג אים צי ער וואלט מיטגענומען דעם מלמד מארגן אינדערפרי צום דאווענען ותיקין.

זאגט ער מיר, "אנטשולדיגט, די קומענדיגע נאכט איז די נאכט פון ר' ראובן".

איך האב באלד געזען אז עפעס האט דא פאסירט, און עטליכע מינוט האט גענומען צוריק צו גיין און זען און ווער ס'האט זיך טועה געווען און וואס ס'איז די סיבה וואס האט פאסירט אז יעדער האט פארשטאנען אז די קומענדיגע נאכט באלאנגט פאר'ן צווייטן. און מיר האבן עס מסדר געווען עצהיו"ט, און אויך האט דער מלמד געוואוסט מיט וועמען ער גייט מארגן אינדערפרי פארן צום דאווענען ותיקין.

איך האב זיך מתבונן געווען, איין מינוט! ווען נישט דער מלמד קומט צו צו מיר פרעגן צי איך ווייס פון א וועג, און ער וואלט זיך מסדר געווען אויף סיי וועלכע אנדערע אופן, אדער אפילו נאר אויב איך שיק אים אליין צום נאכט-וועכטער, און נישט איך הייב אליין אויף א טעלעפאן, וואלט אויסגעקומען אז די נאכט וואלט נישט געווען קיין משגיח אין קעמפ. סיי דער קעמפ בעצם וואלט ח"ו געווען הפקר, און סיי די אלע פרטיות'דיגע אויפגאבעס פונעם נאכט-וועכטער וואס ער טוט במשך די שעות פון זיין ארבעט, וואלט קיינער נישט געטון.

ווער ס'פארשטייט, ס'וואלט זיך געקענט ענדיגן די נאכט מיט גאר גרויסע אומאנגענעמליכקייטן. אבער קיינער וואלט דאס פאראויס נישט געוואוסט, און קיינער וואלט נישט באמערקט, אפשר וואלט מען זיך צומארגנס באשולדיגט איינער דעם צווייטן וועמענ'ס טעות דאס איז געווען.

מאת ה' היתה זאת, דער רבש"ע וואס פירט די וועלט מיט זיין השגחה פרטית, האט דאס געוואוסט פון פאראויס, און געזען אז עס זאל זיין א מלמד וואס זוכט צו דאווענען ותיקין, און ער האט אים צוגעשיקט אז ער זאל דוקא מיך פרעגן, און איך האב געפרעגט דעם נאכט-וועכטער, און אזוי איז ארויסגעקומען קלאר ווער עס דארף זיין אויף די קומענדיגע משמר הלילה.

איז יעצט מיין פראגע, דארף מען האבן עפעס א באזונדערע זכות אדער קרעדיט צו זוכה זיין צו זען השגחה פרטית? אדער דארף מען נאר עפענען די אויגן און קוקן?!...

בכל הכבוד.